**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט באשטעטיגונג פון צוויי גרויסע אנייבארע ענערגיע פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט

***אנייבארע ענערגיע פראיעקטן ערווארטעט צו שאפן מער ווי 380 דזשאבס און געבן קראפט פאר 123,000 הײמען***

***די אפיס פון אנייבארע ענערגיע פלאצירונג (ORES) האט באשטעטיגט 18 גרויסארטיגע אנייבארע ענערגיע פראיעקטן זייט 2021***

מיט די פייערונג פון קלימאטן וואך (Climate Week), גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון אנייבארע ענערגיע פלאצירונג און עלעקטראנישע טראנסמישן האט ארויסגעבן ענדגילטיגע פלאצירונג פערמיטס פאר די ריטש ראוד סאלאר ענערגיע צענטער און פראטסבורג ווינט LLC פראיעקטן. די סאלאר און ווינט-ענערגיע פארמס, וואס געפונען זיך אין סעינט לאורענס קאונטי און סטױבען קאונטי, פארגלייך, וועט אינאיינעם צוגעבן 387 מעגאוואטס פון ריינע, באנייבארע ענערגיע צו ניו יארק'ס עלעקטרישע גריד, געבנדיג קראפט פאר איבער 123,000 מיטל-מעסיגע הײמען. ביידע פאסיליטיס וועלן באדייטנד ביישטייערן צו די סטעיט'ס אמביציעזע קלימאט צילן בשעת צושטעלן עקענאמישע בענעפיטן פאר לאקאלע קאמיוניטיס.

"דער צוויי מאסיווע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן זענען הויפט ביישפילן פון אונזער פארשריט אין טוישן צו א ריינע ענערגיע עקענאמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט ארויסגעבן די פלאצירונג פערמיטס, שאפן מיר גוט-באצאלטע דזשאבס אין די נארט קאונטרי און סאוטערן טיער, בשעת צושטעלן ריינע נאכהאלטיגע ענערגיע פאר אונזער פאמיליעס און ביזנעסער."

די ריטש ראוד סאלאר פראיעקט אנטוויקלערס שאצן אז די 240 מעגאוואט סאלאר פארם—וואס וועט ווערן פארבעסערט מיט נאך 20 מעגאוואט באטעריע ענערגיע סטארעדזש סיסטעם (battery energy storage system, BESS) וואס געפונט זיך אין די טאון אָוו קענטאן, סעינט לאורענס קאונטי—וועט פראדוצירן ריינע ענערגיע וואס קען געבן קראפט פאר איבער 61,000 מיטל-מעסיגע הײמען. די פראטסבורג ווינט-ענערגיע פארם, א 147 מעגאוואט ווינט-ענערגיע פראיעקט אויסגעשפרייט איבער די טאונס פון פראטסבורג, אַוואָקאַ, קאהאקטאן, האווערד, און ווילער אין סטױבען קאונטי, וועט לויט די אנטוויקלערס פראדוצירן גענוג ענערגיע פאר א געשאצטע 62,000 הײמען.

דעם היינטיגן מעלדונג צייכנט די צווייטע און דריטע גרויסע באנייבארע ענערגיע פאסיליטי פערמיט ארויסגעגעבן דורך ORES דער חודש. צוזאמען, טוען די פראיעקטן ארויפברענגען צו 18 די צאל ORES באשטעטיגטע גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן זייט 2021, רעפרעזענטירנדיג איבער 2.7 גיגאוואטס פון ריינע ענערגיע. די באשטעטיגונגען קומען דורכאויס ניו יארק'ס קלימאט וואך,

ארויסברענגנדיג די סטעיט׳ס ווייטערדיגע פירערשאפט אין פאראויס שטיפן ריינע ענערגיע איניציאטיוון און פארשטערקנדיג איר פארפליכטונג צו ארבעטן אין ריכטונג פון די סטעיט׳ס קלימאט צילן.

**אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג און עלעקטראנישע טראנסמישן צייטווייליגע עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעסיקע וואלדארף האט געזאגט,** ״דעם היינטיגן מעלדונג באווייזט די סטעיט׳ס ווייטערדיגע פארפליכטונג צו טוישן צו ריינע ענערגיע און פאראנטווארטליכע פלאצירונג און אנטוויקלונג פון באנייבארע ענערגיע רעסורסן. ORES׳ס ארויסגעב פון די פערמיטס פאר די ריטש ראוד סאלאר ענערגיע צענטער און פראטסבורג ווינט-ענערגיע LLC פראיעקטן וועט צוגעבן צו די באדייטנדע צאל פון ריינע ענערגיע צוגעשטעלט צו די עלעקטרישע גריד און לאקאלע קאמיוניטי בענעפיטן, בשעת באדייטנד פארמינערן די שעדליכע ענווייראנמענטאלע באווירקונגען.״

**ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון ענוויראמענטאל קאנסערוואציע צייטווייליגע קאמישאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** ״די איינפירונג פון ווינט און סאלאר ענערגיע אנטוויקלונגען אזיווי די פראיעקט היינט געמאלדן אין סט. לאורענס און סטיובען קאונטי׳ס איז א קריטישע טייל פון גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פאראויס שטיפן א ריינע ענערגיע עקענאמיע און ערגרייכן די צילן פון די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט. DEC באגריסט די גאווערנער און ORES פאר זייער באמיאונגען צו פארשנעלערן גרינע ענערגיע באנוץ און אדרעסירן די שוועריקייטן פון קלימאטן טויש צו פארזיכערן א גרינערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער.״

**אליאנץ פאר ריינע ענערגיע ניו יארק עקזעקעטיווע דירעקטאר מארגועריט וועלס האט געזאגט,** ״יעדער מעגאוואט פון ריינע ענערגיע וואס קומט צו איז א געווינס פאר ניו יארקער אין די קאמף קעגן קלימאט טויש, און ברענגט אנהאלטנדע עקענאמישע בענעפיטן צו אונזער סטעיט. מיר דאנקען די סטעיט און ORES פאר שענקן די פלאצירונג פערמיטס און מיר קוקן פאראויס צו דער טאג וואס די טויש וועט ווערן געמאכט און די וויכטיגע פראיעקטן וועלן ארויסגעבן ענערגיע.״

**ניו יארק ליגיע פון קאנסערוועישאן וויילערס פרעזידענט דזשולי טיי האט געזאגט,** ״מיט די ווירקונג פון קלימאט טויש ווערנדיג שטענדיג שרעקליכע, קענען מיר זיך מער נישט ערלויבן צו בלויז רעדן איבער באנייבארע ענערגיע, נאר מיר דארפן פארווירקליכן ריכטיגע פראיעקטן, און צוליב דעם זענען מיר צופרידן צו זעהן גאווערנער האקול און די מאנשאפט ביי ORES באשטעטיגען די ריטש ראוד סאלאר ענערגיע צענטער און פראטסבורג ווינט-ענערגיע פראיעקטן. צוזאמען, טוט זייער פארשפעכונג פון 387 מעגאוואטס פון ריינע ענערגיע אפצייכענען נאך א וויכטיגע טריט אין ניו יארק׳ס וועג צו נאכקומען אונזער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט ( Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) פליכטן און טוישן צו די ריינע ענערגיע עקענאמיע מיר דארפן.״

די אפליקאציע פאר די ריטש ראוד סאלאר פארם איז גענצליך פארענדיגט געווארן אום יאנואר 3 און א דרעפט פערמיט איז געווארן ארויסגעגעבן דורך ORES אום מערץ 4. א גרונטליכע, צייטליכע און קלארע איבערזיכט פראצעדור האט נאכגעפאלגט וועלכע האט אריינגערעכנט א פאבליק באמערקונג צייט אפשניט און הירינג. די פאסיליטי וועט ענהאלטן דריי סאלאר פאטאוואלטעיק (PV) ערעיס אויף א סינגעל אקס טרעקער רעקינג סיסטעם באהאפטן צום ערד, א 34.5 קילוואט (kV) ביז 345 kV קאלעקשאן סאבסטעישאן, און א פונקט פון פארבינדונג ארט. די בוי ארבעט פון די פאסיליטי וועט שאפן איבער 300 פול-טיים דשאבס, מיט פיר שטענדיגע פאזיציעס דורכאויס אפעראציע. די פראיעקט איז ערווארטעט צוצושטעלן 24 מיליאן דאלער אין דירעקטע באצאלונגען צו די טאון אָוו קענטאן, סעינט לאורענס קאונטי, און לאקאלע שולע דיסטריקס איבער די קומעדיגע 35 יאר.

די אפליקאציע פאר די פראטסבורג ווינט-ענערגיע פארם איז גענצליך פארענדיגט געווארן אום אקטאבער 30, 2023, און א דרעפט פערמיט איז געווארן ארויסגעגעבן דורך ORES אום דעצעמבער 29, 2023. די

פראיעקט וועט ענהאלטן 36 ווינט טורבינען און פארבינדענע אינפראסטרוקטור איבער אומגעפער 53 אקערס פון בעיקר דארפישע לאנד. די פראיעקט וועט פראדצירן איבער 1.2 מיליאן דאלער יערליך אין שטייער איינקונפט פאר לאקאלע מיוניציפאלן און איבער $500,000 אין דיירעקט ליעס און שכן באצאלונגען אפמאכן פאר לאנד אייגנטומערס. אין צוגאב, וועט עס שאפן 81 דזשאבס אויפן ארט דורכאויס די בוי ארבעט און אכט פול-טיים פאזיציעס דורכאויס אפעראציע.

ביידע פראיעקטן זענען וויכטיג צו ניו יארק'ס ברייטערע סטראטעגיע צו נאכקומען די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט'ס צילן, וועלכע פאדערט 70 פראצענט באנייבארע עלעקטריציטעט ביז 2030 און א זירא-עמישאנס עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040. און צוגאב, זענען ביידע פראיעקטן געווארן באשטעטיגט אין וויניגער ווי די איין-יאר צייט אפשניט געפאדערט לויט די געזעץ.

פאר מער אינפארמאציע איבער די ריטש ראוד סאלאר און פראטסבורג ווינט-ענערגיע פראיעקטן, ווי אויך אנדערע ORES ערלויבטע פאסיליטיס, באזוכט די ORES וועבסייט אויף https://dps.ny.gov/ores-permit-applications.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג ( New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די וועג אין ריכטונג פון א זירו-עמישאן עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון באנייבארע ענערגיע ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז אינמיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן